# דעם רבינ'ס מעשיות

נאמען ____________________

טעלעפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעווטע מעשה (6) - מבעל תפילה

**א. פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**
- ☐ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ☐ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועם האבן זיי גענומען פאר א מלך?**
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיינע קינדער
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ג. וועם האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**
- ☐ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן האבן זיי דערווייל גענומען א עושר אלס מלך
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ד. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**
- ☐ איינער וואס האט געהאט אסאך קינדער
- ☐ איינער וואס האט געהאט אסאך ווייבער
- ☐ א יפת תואר

**ה. פארוואס האט די פינעפטע כתה גזאגט אז די תכלית איז דער דיבור?**
- ☐ ווייל ווער ס'רעדט גוט האט מען אים ליב
- ☐ ווייל די חילוק פון א מענטש און א בהמה איז דער דיבור
- ☐ וויל דער דיבור איז זייער טייער ביי השי"ת

**ו. וועם האבן זיי גענומען פאר א קעניג?**
- ☐ איינער וואס קען הויך רעדן
- ☐ איינער וואס קען הויך שרייען מיט א שטיל קול
- ☐ א משוגענעם פראנצויז וואס רעדט צו זיך

**ז. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית שמחה?**
- ☐ א גוי א שיכור
- ☐ א מענטש וואס פלעגט משמח זיין אלמנות און יתומים
- ☐ א מענטש וואס פלעגט לאכן א גאנצן טאג

**ח. *שאלת חכם: האט דער הייליגער רבי געוואלט אונז מאכן שיכור'ן צו ווערן פרייליך* (עיין בכוכבי אור, שמחה וששון אות א', ובהגהה שם)?**
- ☐ *נאר שבת און יו"ט*
- ☐ *נאר שמחת תורה*
- ☐ *נאר פורים*

**ט. אין וועלכע מדינה זענען געגאנגען וואוינען די כת פון שמחה?**
- ☐ אינדרויסן פון ישוב
- ☐ ווי עס וואקסן אסאך וויין טרויבן
- ☐ ווי מען פארקויפט וויין פאר ביליג

**י. מיט וואס האבן זיי זיך געפרייעט?**
- ☐ אז זיי האבן געטראפן א פאסיגן קעניג
- ☐ מיט אמונה און נקודות טובות
- ☐ זיי האבן גאר נישט מיט וואס זיך צו פרייען

**יא. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית חכמה?**
- ☐ א זוהן פון א חכם
- ☐ א תלמיד חכם
- ☐ א גרויסן חכם

**יב. פארוואס האט די אכטע כתה געהאלטן אז דער תכלית איז גרויסן די איברים?**
- ☐ ווייל ער האט מער חלק אין דער וועלט
- ☐ ווייל ער האט מער כבוד
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. וואס האט געזאגט די ניינטע כתה אז דער תכלית איז?**
- ☐ נאר צו עוסק זיין אין תפלה צו השי"ת
- ☐ צו זיין א עניו און שפל ברך
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וועם האבן זיי קודם געטראפן פאר א קעניג?**
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן
- ☐ אונזער בעל תפלה
- ☐ עפעס א בעל תפלה

**טו. וועלכע פון די אלע כתות האבן געטראפן די אמת?**
- ☐ אלע כתות האבן זיך טועה געווען
- ☐ נאר די כתות פון שמחה און תפילה
- ☐ נאר די כתה פון תפילה

**טז. *שאלת חכם: ביי וועלכע כתה איז דער רבי מייער מקצר?***
- ☐ *רציחה*
- ☐ *שמחה*
- ☐ *חכמה*

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלעפאן ליין 02-5-3333-72 L3233287@gmail.com